NEW

# לקוטי שיחות

MATTOS MAASEI מטות מסעי

VOLUME 2, P. 348-354

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# MATTOS MAASEI I | מטות מסעי א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Mattos-Maasei,* 5715 (1955)

## Introduction

We live in a culture obsessed with reaching destinations. Success is measured by arriving somewhere – whether it be graduating, getting promoted, or achieving financial security or, if one is so motivated, attaining spiritual milestones.

Yet the Torah presents us with a puzzling narrative: the Jewish people's journey from Egypt to *Eretz Yisrael* did not involve one triumphant march. Instead, it consisted of forty-two separate journeys.

This seems counterintuitive. Egypt represents spiritual constraint; *Eretz Yisrael,* spiritual freedom. Leaving a state of constraint should immediately bring one to a state of freedom. Why the need for so many journeys?

To teach us that we should never feel that we "arrived," because every level of freedom we achieve contains within it new, subtler forms of containment that we couldn't perceive from our previous vantage point.

Our people's journeys through the desert thus map out a profound truth about spiritual growth that challenges our destination-oriented mindset. G-d is infinite and the Jewish soul is infinite. As such, there will never be a time when we have "made it" spiritually. Instead, we will constantly be climbing a ladder of spiritual progress, gaining one level of success and then proceeding to the next one.

# The Journey to Our Individual *Eretz Yisrael*

## Why One Journey Is Not Enough

**1.** This week's Torah reading begins,[1] “**These are the journeys of the Children of Israel who went out of the land of Egypt.” The plural word “journeys” (*masa'ei*) implies that there were many journeys in the Jews' Exodus from Egypt. This** raises **a well-known question:** Why? **The Jews' departure from Egypt involved no more than one journey – the journey from Rameses to Sukkos.**[2] (**The other journeys took place** only **after the Jews had already left Egypt.) Why then does the verse employ the plural form, “journeys”?**

א. עֶס שְׁטֵייט אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, מַסְעֵי לְשׁוֹן רַבִּים, דָאס הֵייסְט אַז עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען אַ סַך מַסָּעוֹת דוּרְך וֶועלְכֶע דִי אִידְן זַיְינֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. אִיז בַּאווּאוּסְט אוֹיף דֶעם דִי קַשְׁיָא, דִי אִידְן זַיְינֶען דָאך אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם מֶער נִיט וִוי מִיט אֵיין מַסָּע, דֶער מַסָּע פוּן רַעְמְסֵס קֵיין סוּכּוֹת (דִי אִיבֶּערִיקֶע מַסָּעוֹת זַיְינֶען דָאך גֶעוֶוען שׁוֹין נָאך דֶעם וִוי דִי אִידְן זַיְינֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם), הַיְינְט פַאַרְוָואס שְׁטֵייט מַסְעֵי לְשׁוֹן רַבִּים?

**One must also understand the concept of the 42 journeys between the Jews' Exodus from Egypt and their entry into *Eretz Yisrael*, “a good and spacious land.”**[3] Why is there an emphasis on 42 journeys? **Immediately with their first journey, upon leaving Egypt (*Mitzrayim*)** – the land of **constraints (*meitzarim*) and boundaries – they had already** experienced an **expansive** and boundless state, **since immediately after leaving a state of confinement, one automatically finds oneself in a** relatively boundless **state.** Why **then** does the Torah imply that **forty-two journeys were** necessary to bring the Jews to such a state?

אוֹיך דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן פוּן דִי מ"ב מַסָּעוֹת וֶועלְכֶע זַיְינֶען גֶעוֶוען זִינְט דִי אִידְן זַיְינֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם בִּיז זֵיי זַיְינֶען גֶעקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה. וָוארוּם בַּאלְד מִיטְן עֶרְשְׁטְן מַסָּע, וִוי זֵיי זַיְינֶען נָאר אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, לְשׁוֹן מְצָרִים וּגְבוּלִים, אִיז דָאס דָאך שׁוֹין מֶרְחָב. וִוי מֶען גֵייט נָאר אַרוֹיס פוּן מֵיצַר גֶעפִינְט מֶען זִיך בְּמֵילָא בִּמְקוֹם הַמֶּרְחָב – הַיְינְט וָואס גִיט צוּ דֶער עִנְיָן פוּן דִי מ"ב מַסָּעוֹת אִין דֶער זַאך פוּן מֶרְחָב?

**The concept** can be explained as follows: **There are many different levels in constraints (*meitzarim*) and boundlessness. What is considered boundless**

נָאר דֶער עִנְיָן אִין דֶעם אִיז, אַז אִין מִצְרַיִם וּמֶרְחָב זַיְינֶען פַארַאן כַּמָּה וְכַמָּה מַדְרֵיגוֹת; דָאס וָואס לְגַבֵּי אַ

1. *Bamidbar* 33:1.

2. See *Shmos* 12:37.

3. Ibid. 3:8.

**relative to a lower level is still considered a constraint in relation to a higher level.** This process continues **until one reaches the ultimate boundless state – the final journey** when one reaches **"the Jordan, [near] Jericho (*Yericho*)."**[4] *Yericho* **refers to *Mashiach*** **who will *morach vada'in,*** **"judge by smell."**[5] **Until then,** whatever level one reaches – **although considered boundless in relation to a lower level – is seen as a constraint relative to a higher level.**

On this basis, we can understand why the Torah speaks **of 42 journeys from Egypt until** the Jews reached **"a good and spacious land." With their first journey, although they had already left Egypt and entered – automatically – into a boundless state, nevertheless, their state** could **still** be **considered constrained relative to a higher level. Therefore, another journey was necessary to leave this constraint as well. This explains the plural wording, "These are the journeys** of the Children of Israel **who went out from the land of Egypt." The intent of all the other journeys was also to depart from** an **"Egypt,"** an intermediate state of limitation, and attain a new and loftier state of boundlessness. This process continued journey after journey **until they arrived at "the Jordan [near] Jericho" – the ultimate ascent.**

נִידֶערִיקֶערֶער מַדְרֵיגָה הֵייסְט מֶרְחָב, אִיז לְגַבֵּי אַ הֶעכֶערֶער מַדְרֵיגָה הֵייסְט עֶס נָאךְ מִצְרַיִם, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ צוּם אֱמֶת'ן מֶרְחָב, צוּם לֶעצְטְן מַסָּע, עַל יַרְדֵּן יְרֵיחוֹ, וָואס דָאס גֵייט אוֹיף מָשִׁיחַ'ן דְּמוֹרַח וְדָאִין[א]. בִּיז דֶעמָאלְט, אִיז הֲגַם אַז לְגַבֵּי נִידֶערִיקֶער אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן מֶרְחָב, אָבֶּער לְגַבֵּי הֶעכֶער אִיז דָאס מִצְרַיִם.

אוּן דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דִי מ"ב מַסָּעוֹת וֶועלְכֶע זַיְינֶען גֶעוֶוען פוּן מִצְרַיִם, בִּיז אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה. מִיטְן עֶרְשְׁטְן מַסָּע, אִיז הֲגַם אַז מֶען אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן אַרַיְין – בְּמֵילָא – אִין מֶרְחָב, אִיז אָבֶּער לְגַבֵּי אַ הֶעכֶערֶער מַדְרֵיגָה אִיז דָאס נָאךְ אַן עִנְיָן פוּן מִצְרַיִם, דֶערְפַאר דַארְף זַיְין נָאךְ אַ מַסָּע אוֹיף אַרוֹיסְגֵיין אוֹיךְ פוּן דֶעם מִצְרַיִם. אוּן דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן אֵלֶּה מַסְעֵי (לְשׁוֹן רַבִּים) גו' אֲשֶׁר יָצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, וָוארוּם אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע מַסָּעוֹת אִיז צוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ צוּם יַרְדֵּן יְרֵיחוֹ, דֶער תַּכְלִית הָעִילוּי.

## What Spiritual Ascent Involves

**2. The Torah is eternal,** applying **in every generation.** This is **especially** true **regarding the Exodus from Egypt, concerning which** we are charged,[6] **"A person is obligated to see himself as if he went out of Egypt today."** The charge's intent extends beyond a mere remembrance. It serves as an **instruction in** our **Divine service.** Leaving Egypt means attaining a boundless state, one that transcends reason and

ב. תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ נִצְחִית בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, וּבִפְרַט דֶער עִנְיָן פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, וָואס עֶס שְׁטֵייט[ב] אוֹיף דֶעם: חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא הַיּוֹם מִמִּצְרַיִם, אִיז דָאס אַ הוֹרָאָה אִין עֲבוֹדָה, אַז אוֹיךְ בְּשַׁעַת

4. *Bamidbar* 33:48.

**5. *Sanhedrin* 93b,** based on *Yeshayahu* 11:3. See ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **pp. 88c,** 89b.

**6. *Pesachim* 10:5; *Tanya,* ch. 47.**

understanding. The lesson from the journeys of the Jewish people is that **even after a person has already brought himself to service that transcends reason and understanding,** going **beyond measure and limitation – departing even the "Egypt of holiness"**[7] **– this is still not enough. Relative to higher levels,** the state he is in – no matter how lofty – **is still** considered **"Egypt." Consequently, there is a need to continue working and ascending** to still higher levels.

**This can also be understood from the concept of prayer. Prayer involves man's service,** labor within his heart.[8] Indeed, there is a **well-known distinction**[9] **between Torah study and prayer: Torah study reflects** drawing down G-d's wisdom **from above to below. By contrast, prayer is man's service from below to above – "a ladder set upon the earth with its top reaching to heaven."**[10] **One ascends upward, leaving a state of** spiritual **constriction** and entering **a state of spiritual expansion.**

**As is well known, prayer involves multiple ascents; with each ascent, one leaves his previous state. Nevertheless, such a** departure alone **is not sufficient; one must** continually **advance higher and higher.**

**The first** stage in this mode of **service is preparing for prayer:** The fact that a limited human being seeks to **pray to G-d, who is unlimited and infinite,** involves an inherent paradox. **The person exists in a body and has an animal soul,** both of which are fundamentally limited. **Especially when he is sullied by sin,** he faces a challenge: **How can he approach** G-d in **prayer,** addressing praise and requests to a boundless and perfect G-d?

Therefore, preparation is necessary. **Before initially approaching prayer, he must first free himself from all his personal concerns, indeed, from his**

מֶען הָאט שׁוֹין גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיי זִיךְ אַן עֲבוֹדָה שֶׁלְּמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת, לְמַעְלָה מִמְּדִידָה וְהַגְבָּלָה, ווָאס דֶערְמִיט אִיז מֶען אַרוֹיס אוֹיךְ פוּן מִצְרַיִם דִּקְדוּשָּׁה, אִיז דָאס נָאךְ נִיט גֶענוּג, ווָארוּם לְגַבֵּי הֶעכֶער אִיז דָאס נָאךְ אַלְץ מִצְרַיִם, בְּמֵילָא דַארְף מֶען ווַיְיטֶער אַרְבֶּעטְן אוּן ווַיְיטֶער גֵיין.

מֶען וועט דָאס פַּארְשְׁטֵיין אוֹיךְ פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה. ווָאס דָאס – עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה – אִיז עֲבוֹדַת הָאָדָם, ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד[ג] צְווִישְׁן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַז תּוֹרָה אִיז מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, אוּן תְּפִלָּה אִיז עֲבוֹדַת הָאָדָם מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה, אַ סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה[ד], ווָאס מֶען גֵייט מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה, אַרוֹיסְגֵיין פוּן מְקוֹם הַמֵּיצַר לִמְקוֹם הַמֶּרְחָב.

אִיז דָאךְ יָדוּעַ אַז אִין תְּפִלָּה זַיְינֶען פַּארַאן כַּמָּה וְכַמָּה עֲלִיּוֹת, ווָאס מִיט יֶעדֶער עֲלִיָּה גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן זַיְין פְרִיעֶרְדִיקְן מַצָּב, אוּן פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאס נִיט גֶענוּג, אוּן מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבוֹדָה אִיז דִי הֲכָנָה צוּם דַאווְנֶען: אַזוֹי ווִי עֶר גֵייט דָאךְ דַאווְנֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן הַבִּלְתִּי בַּעַל גְּבוּל וּבִלְתִּי בַּעַל תַּכְלִית, אוּן עֶר – דֶער אָדָם – גֶעפִינְט זִיךְ דָאךְ אִין אַ גוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, וּבִפְרַט כְּשֶׁמְּלוּכְלָךְ עַל יְדֵי הַחֵטְא, אִיז ווִי זָאל עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאווְנֶען? מוּז עֶר זִיךְ פְרִיעֶר בַּאפְרַייְעֶן פוּן אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים, אוּן פוּן זַיְין גַאנְצֶער

7. As mentioned, Egypt, *Mitzrayim,* refers to a state of limitation. Now, even when a person studies the Torah and observed its *mitzvos*, his service may well be limited, confined by the bounds of his mind and heart.

8. See *Taanis* 2a.

**9.** ***Tanya, Iggeres HaTeshuvah,*** **ch. 10;** ***Torah Or,*** **p. 1c;** ***Sefer HaMaamarim 5708,*** **p. 80.**

**10.** *Bereishis* 28:12. See ***Zohar,*** **Vol. I, p. 266b, Vol. III, p. 306b;** ***Tikkunei Zohar, tikkun*** **45.**

**entire individual existence,** from who he is. Only **then** can he begin **to pray.**

**The** very act of **preparing to pray, even before he** actually **prays, before he has begun to say** ***Hodu*** **or** ***Mah Tovu*** (the initial stages in the prayer service), **and has just put on his** ***gartel***[11] **and readied himself for prayer – this alone takes him out of his individual concerns and brings about a** certain **refinement.** In and of itself, this lifts him **out of the fundamental constraints and boundaries** in which he finds himself.

**These concepts also enable us to understand the directive in** ***nigleh,*** **the revealed, primarily legalistic realm of Torah study, that before prayer, one should "relieve himself and wash his hands."**[12] **"Relieving oneself" means removing the waste –** not only **the obvious waste,** but also the waste **that is within his inner being. After that, he "washes his hands" – removing the impurity, something that has no** actual **substance**[13] **and is merely external. Nonetheless, a person must free himself even from such matters before praying.**

**Still, these efforts alone do not fulfill his obligation.** They are merely preliminary stages, and only after he has completed them can **he first begin to pray and start reciting** ***Hodu.*** **That is the point when he first leaves the state of consciousness in which he existed after his preparation for prayer. Relative to the higher levels** to which he aspires, this preliminary stage **is still a constraint and a boundary.** Prayer enables him to **leave this constraint as well and reach** a more **expansive state,** ascending to a loftier peak.

מְצִיאוּת, און דַאן שְׁטֶעלְן זִיךְ דַאווְנֶען.

דָאס אַלֵיין, דֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ דַאווְנֶען, נָאךְ אֵיידֶער עֶר דַאווְנְט, נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן הוֹדוּ, אָדֶער מַה טֹּבוּ, נָאר דָאס אַלֵיין וָואס עֶר טוּט אָן דֶעם גַארְטְל און שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאווְנֶען, דֶערְמִיט אַלֵיין גֵייט עֶר דָאךְ אַרוֹיס פוּן זַיְינֶע עִנְיָנִים, און עֶר וֶוערְט מְזוּכָּךְ, דָאס הֵייסְט, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיְינֶע מְצָרִים וּגְבוּלִים.

– דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין נִגְלֶה דְתוֹרָה, אַז קוֹדֶם הַתְּפִלָּה יִפָּנֶה וְיִטּוֹל יָדָיו[יב], יִפָּנֶה מֵיינְט, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי פְּסוֹלֶת שֶׁבְּגָלוּי וְשֶׁבִּפְנִימִיּוּת; נָאךְ דֶעם אִיז יִטּוֹל יָדָיו, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי טוּמְאָה, וָואס עֶס אִיז נָאר אַן עִנְיָן פוּן מַקִּיף, אִין פְּנִימִיּוּת אִיז דָא גָארְנִישְׁטָא[יג], אִיז אוֹיךְ פוּן דֶעם דַארְף מֶען פָּטוּר וֶוערְן פַארְן דַאווְנֶען –

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר דֶערְמִיט אַלֵיין נָאךְ נִיט יוֹצֵא, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאווְנֶען, אָנְהוֹיבְּן זָאגְן הוֹדוּ, וָואס דֶעמָאלְט גֵייט עֶר אַרוֹיס אוֹיךְ פוּן דֶער מְצִיאוּת ווִי עֶר שְׁטֵייט נָאךְ זַיְין הֲכָנָה צוּם דַאווְנֶען, וָואס לְגַבֵּי הֶעכֶער אִיז דָאס נָאךְ אַ מֵיצַר וּגְבוּל; גֵייט עֶר אַרוֹיס אוֹיךְ פוּן דֶעם מֵיצַר אֶל מְקוֹם הַמֶּרְחָב.

---

11. A prayer sash worn in preparation for prayer.

12. ***Berachos*** **15a; the Alter Rebbe's** ***Shulchan Aruch, mahadura kama*** **2:8.**

13. **The** concept of impurity having no inner substance is borne out by ***Rambam's*** **statements (*****Hilchos Mikveos*** **11:12) and** ***Bamidbar Rabbah,*** **the beginning of** ***Parshas Chukas,*** which define impurity as a *chok*, something which has no rational explanation. In that vein, the Midrash speaks of ritual impurity as **"a statue that I [G-d] ordained, a decree that I established."** This conception is also brought out by ***Likkutei Torah, Vayikra,*** **p. 29a.**

In other words**, the concept is that ritual impurity** is not a matter of substance; **there is no waste that is visible. Its** negative dimension is **only** a matter of **Divine decree.** See also *Likkutei Sichos,* Vol. 3, p. 985.

**Similarly, there are many** different **ascents within prayer itself. On the whole, the ascents – which are** made possible by G-d's **name** of 42 letters,[14] **as is well known – divide into four** stages (or **rungs** on the ladder of prayer,[15] paralleling the four spiritual worlds). **Relative to a higher one, each of these levels still involves constraints and limitations.**

This sequence of relative ascents continues **until the person reaches the *Shemoneh Esreh*, the ultimate ascent. At this point, he departs entirely from his individual existence (at whatever level he might have been, even from a refined state,** one that had been enhanced **through his service on all the previous levels).** At this point, **he stands in complete nullification** before G-d, **like "a servant before his master."**[16] He feels **as if he does not exist at all.** Therefore, **he requests, "My G-d, open my lips and let my mouth relate Your praise"**[17] – in other words, he himself cannot speak and asks **that G-d open his lips.** He **will do no more** than "relate *Your* praise," merely **repeating** G-d's words.

און אַזוֹי אויך אִין תְּפִלָּה גוּפָא זַיְינֶען פַאראַן כַּמָּה וְכַמָּה עֲלִיּוֹת, וואָס בִּכְלָלוּת טֵיילְט זִיך דָאס אויף ד' שְׁלִיבוֹת[ז] (די עֲלִיּוֹת זַיְינֶען עַל יְדֵי שֵׁם מ"ב כַּיָּדוּעַ), וואָס יֶעדֶער מַדְרֵיגָה לְגַבֵּי דֶער הֶעכֶערֶער אִיז נָאך אַלְץ אַן עִנְיָן פוּן מֵיצַר וּגְבוּל.

בִּיז מֶען קוּמְט צוּ צוּ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וואָס דָארְטְן אִיז דֶער תַּכְלִית הָעִילוּי, עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן פוּן זַיְין מְצִיאוּת (וועֶלְכֶע סְ'זָאל נִישְׁט זַיְין, אויך פוּן אַ מְצִיאוּת וואָס אִיז אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט עַל יְדֵי עֲבוֹדָתוֹ בְּכָל הַמַּדְרֵיגוֹת הַקּוֹדְמוֹת), און עֶר שְׁטֵייט בְּבִיטּוּל בִּמְצִיאוּת כְּעַבְדָּא קַמֵּי מָארֵיהּ, אַז עֶר אִיז גָארְנִיט קֵיין מְצִיאוּת, און זָאגְט: אֲדֹנָ־י שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶפֶענֶען מַיְינֶע לִיפְּן און אִיךְ וועֶל נִיט מֶער ווִי נָאכְזָאגְן[ח].

## The *Shemoneh Esreh* Paradox

**3. Because** ***Shemoneh Esreh*** removes a person from his individual identity entirely, **we find two opposing dynamics reflected in** that prayer:

**a)** The person stands in a state of utter and **complete nullification.** He has **no sense of** his own **existence** whatsoever. He does not pray on his own, but "declares *Your* praise," saying G-d's words, as it were, **like "one who repeats after the reader."**[18]

ג. וואָס דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז אִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זַיְינֶען פַארַאן צְווֵיי עִנְיָנִים הָפְכִּיִּים: א) בִּיטּוּל בְּתַכְלִית; עֶר אִיז גָארְנִיט קֵיין מְצִיאוּת, נָאר כְּעוֹנֶה אַחֲרֵי הַקּוֹרֵא,

---

14. These 42 letters are the initial letters of the prayer beginning *Ana BeCho'ach.* The number 42 refers to the 32 paths of *Chochmah* combined with the ten *sefiros* (*Tikkunei Zohar, tikkun* 4).

See *Siddur Im Dach,* p. 74b, *Likkutei Torah, Bamidbar,* 92b, *et al.*, that this prayer involves a process of ascent. The 42 words also correspond to the 42 stages in our forefathers' journey through the desert as they proceeded from Egypt to *Eretz Yisrael.*

**15. See *Sefer HaMaamarim 5708,* loc. cit.**

16. *Shabbos* 10a.

**17. *Tehillim* 51:17. See *Alshich* on the verse, *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 2c; *Sefer HaMaamarim 5627,* p. 436.** In *Likkutei Torah,* loc. cit., the Alter Rebbe explains that *yagid,* translated as "relate," also has the implication "draw down."

18. The phrase is borrowed from *Torah Or,* p. 67b, *et al.* There, the Alter Rebbe is referring to the practice where, in choral readings, one repeats after the reader.

**b)** Simultaneously, it is precisely at this stage of prayer that the person **requests that his needs** be fulfilled **– not only his spiritual needs, but also his material needs. During** ***Pesukei d'Zimrah,*** **the blessings of** ***Shema,*** **and the** ***Shema*** **itself,** he **does not request** that **his material needs** be fulfilled. On the contrary, **as mentioned above,** before beginning to pray, **he has divested** himself **of his own existence.** And yet, **it is specifically during the** ***Shemoneh Esreh,*** the apex of prayer, that he **mentions his material needs.**

**The resolution** of the paradox **is** that after achieving **the ultimate ascent, it is possible to integrate two opposite matters. As discussed in the** ***maamar,***[19] **the loftier the spiritual level, the greater the degree of integration** of opposites. **This reflects the revelations of the Ultimate Future, when "all flesh shall see** together that the mouth of G-d has spoken."[20] **G-dliness will be perceived even by physical flesh – an integration of two opposites.**

ב) בַּקָּשַׁת צְרָכָיו, און נִיט נָאר צְרָכָיו הָרוּחְנִיִּים, נָאר אוֹיךְ צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים. אִין פְּסוּקֵי דְזִמְרָה וּבִרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע וּקְרִיאַת שְׁמַע, אִיז נִיטָא קֵיין בַּקָּשַׁת צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים (ווַיְילֶע עֶר אִיז אוֹיסְגֶעטָאן פוּן זַיְין מְצִיאוּת כַּנַּ"ל). אִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דַּוְקָא אִיז בַּקָּשַׁת צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים.

דֶער עִנְיָן אִיז: מִצַּד תַּכְלִית הָעִילוּי קֶען דָארְטְן זַיְין אַ הִתְכַּלְלוּת פוּן צְוֵויי עִנְיָנִים הָפְכִּיִּים, און ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדט אִין מַאֲמָר, אַז בְּמָקוֹם עֶלְיוֹן יוֹתֵר אִיז דִי הִתְכַּלְלוּת בְּיוֹתֵר. ווָאס דָאס אִיז אַ מֵעֵין פוּן דֶעם גִילוּי דְּלֶעָתִיד, ווָאס דֶעמָאלְט ווֶעט זַיְין וְרָאוּ כָל בָּשָׂר, אַז גֶ-טְלֶעכְקַיְיט ווֶעט דֶערְהֶערְט ווֶערְן אוֹיךְ אִין דֶעם בָּשָׂר הַגַּשְׁמִי, הִתְכַּלְלוּת ב' הָפְכִּיִּים.

## The Mirror that Enables Self-Discovery

**4. However, despite the fact that the** ***Shemoneh Esreh*** **represents the ultimate ascent, on the next day, a person must** begin anew, readying himself **to pray, starting from the preparation for prayer, then** ***Hodu, Pesukei d'Zimrah....*** **Regardless of the lofty level he reached on the previous day,** his previous **level is still** considered **a constraint compared to the level he must reach today.**

The same motif that prevails **regarding the service of prayer also applies regarding** a person's **Divine service as a whole. He must be a** ***mehalech,*** **one who progresses.**[21] **Although he has departed entirely**

ד. אָבֶּער נִיט קוּקְנְדִיק ווָאס שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִיז דֶער תַּכְלִית הָעִילוּי, אִיז אוֹיף מָארְגְן, דַארְף מֶען זִיךְ עֶרְשְׁט שְׁטֶעלְן דַאווְנֶען, אָנְהוֹיבְּנְדִיק פוּן דֶער הֲכָנָה לִתְפִלָּה, דֶערְנָאךְ הוֹדוּ, פְּסוּקֵי דְזִמְרָה וכו' – ווָארוּם ווִי הוֹיךְ עֶר אִיז נִיט צוּגֶעקוּמֶען נֶעכְטְן, אִיז דָאס נָאךְ אַ מֵיצַר לְגַבֵּי דֶער מַדְרֵיגָה ווָאס עֶר דַארְף צוּקוּמֶען הַיְינְט.

און אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אִין עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, אַזוֹי אִיז בִּכְלָלוּת הָעֲבוֹדָה. אַ מֶענְטשׁ דַארְף זַיְין אַ מְהַלֵּךְ.

19. The *maamar* entitled *Vayidaber Moshe,* 5715 (*Toras Menachem,* Vol. 14, p. 221), that was delivered at the same *farbrengen* as this *sichah.*

20. *Yeshayahu* 40:5.

21. The Rebbe is alluding to the interpretation in *Chassidus* (*Torah Or,* p. 30a, c; *Likkutei Torah, Vayikra* 45a, b, *et al.*) of the verse (*Zechariah* 3:7), "I will empower you to be one who progresses among these who stand": The angels are described "as those who stand" because even though they ascend to loftier spiritual rungs each day, their ascents are relative, i.e., measured in scope. By contrast, a Jew living in this material world is able to make a radical advance and transcend entirely his previous rung.

**from evil, no matter how lofty the level he has reached, he must know that it is still not enough, because relative to an** even **loftier level, he still retains some association with evil.**

**Proof of this is that he still sees the existence of evil in another person. As is well known, the Baal Shem Tov**[22] **taught** that a person should see another as a mirror of his own self. The fact **that he sees evil in the other person is proof that he possesses that same evil himself, at least in a subtle manner.**

**He must depart even from this** state and **continually be involved in efforts to refine** his **physical being.** The intent is **not to break the body through fasts and afflictions, but to refine it. As clarified by the well-known teaching of the Baal Shem Tov on the verse,**[23] **"When you see the donkey of your enemy** lying under its burden, you must certainly help," *chamor,* the "donkey," refers to the *chomer,* the material nature of the body. The body should be seen as an asset in Divine service.

Following this path, early **in the morning,** as **soon as a person gets up, he should harness his donkey (*chamor*)** and employ its energies in his Divine service. **It is specifically through this** approach **that he can reach the revelation of the Ultimate Future,** when **"all flesh shall see** that the mouth of G-d has spoken," **that the physical flesh will become refined and purified to the extent that it will see G-dliness.**

אֲפִילוּ נָאכְן אַרוֹיסְגֵיין לְגַמְרֵי פוּן רַע און ווִי הוֹיךְ עֶר אִיז נִיט צוּגֶעקוּמֶען, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז נָאךְ נִיט גֶענוּג, ווַיְיל לְגַבֵּי אַ הֶעכֶערֶער מַדְרֵיגָה, הָאט עֶר נָאךְ אַלְץ אַ שַׁיְיכוּת צוּ רַע,

– אַ רַאְיָה אוֹיף דֶעם קֶען עֶר זִיךְ בְּרֶענְגֶען פוּן דֶעם וָואס עֶר זֶעט נָאךְ אִין אַ זוּלַת דִי מְצִיאוּת הָרַע. עֶס אִיז דָאךְ בַּאווּאוּסְט דֶער מַאֲמַר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן[ט], אַז אַ מֶענְטשׁ זֶעט רַע אִין אַ צְווֵייטְן, אִיז אַ בַּאווַיְיז אַז עֶר אַלֵיין פַארְמָאגְט דֶעם זֶעלְבְּן רַע, בְּדַקוּת עַל כָּל פָּנִים –

און עֶר דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אוֹיךְ פוּן דֶעם. מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין טָאן אוֹיף מְזַכֵּךְ זַיְין דֶעם בָּשָׂר הַגַּשְׁמִי – נִיט בְּרֶעכְן אִים דוּרְךְ תַּעֲנִיתִים וְסִיגּוּפִים, נָאר אוֹיסְאֵיידְלֶען אִים, ווִי עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דֶער מַאֲמַר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אוֹיפְן פָּסוּק׳ כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שׂוֹנַאֲךָ – בַּאלְד ווִי עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אִין דֶערְפְרִי, זָאל עֶר אַיְינְשְׁפַּאנֶען זַיְין חֲמוֹר, דָאס הֵייסְט דֶעם חוֹמֶר, ווָאס דוּרְךְ דֶעם דַוְקָא, קָאן מֶען צוּקוּמֶען צוּם גִילוּי דְלֶעָתִיד, אַז וְרָאוּ כָל בָּשָׂר, אַז דֶער בָּשָׂר הַגַּשְׁמִי ווֶעט אַזוֹי פִיל אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט און אוֹיסְגֶעלֵייטֶערְט ווֶערְן, בִּיז עֶר ווֶעט זֶען אֱלֹקוּת.

## No Place for Complacency

5\. A person **might object: "I have worked enough on myself to the extent that I have been freed from obvious and coarse evil. I am already on a lofty level** of Divine service. Why **must I**

ה. קָאן מֶען דָאךְ טַעֲנֶה׳ן בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג גֶעהָארֶעווֶעט מִיט זִיךְ בִּיז אִיךְ בִּין פָּטוּר גֶעווָארְן פוּן דֶעם אָפֶּענֶעם און גְרָאבְּן רַע, און אִיךְ שְׁטֵיי שׁוֹין אוֹיף אַ הוֹיכֶער מַדְרֵיגָה,

---

22\. *Meor Einayim,* the beginning of *Parshas Chukas.* **See *Sefer HaSichos Kayitz 5700,* p. 83**, and *Likkutei Sichos,* Vol. 10, p. 24ff.

23\. ***Shmos* 23:5. See *HaYom Yom,* Entry 28 Shvat,** [cited from the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 3, letter no. 757, known in Yiddish as *der langer briv* ("the long letter") and translated into English as *The Making of Chassidim.*]

**continue laboring? I am satisfied with the level at which I find myself** now."

**He** should be **told: The task** with which **man** has been charged – one that reflects **who he is** – demands that **he be one who progresses and not one who stands still. Every day that G-d gives him,** that mission is renewed and **he must fulfill his purpose in the world that day, as implied by the verse,**[24] **"Days were created, and for him, one in them,"** meaning that each person is granted a specific number of days, and each one has its own purpose and intent.[25]

**This is the lesson taught by** recounting **the journeys** of the Jewish people: **As mentioned above, a person should never remain satisfied with the level at which he currently stands** and must constantly seek to advance.

וֶוער זָאגְט עֶס אַז אִיךְ דַארְף וַוייטֶער הָארֶעוועֶן? עֶס אִיז מִיר גֶענוּג דִי מַדְרֵיגָה אִין וֶועלְכֶער אִיךְ גֶעפִין זִיךְ.

זָאגְט מֶען אִים, אַז דִי אוֹיפְגַאבֶּע אוּן דֶער עִנְיַן הָאָדָם אִיז, עֶר זָאל זַיין אַ מְהַלֵךְ אוּן נִיט קֵיין עוֹמֵד, אוּן יֶעדֶער טָאג וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיט אִים, דַארְף עֶר אִין אִים מְמַלֵא זַיין זַיין תַּפְקִיד בָּעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם"[יא].

אוּן דָאס אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן דִי מַסָעוֹת, מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִיט בַּאנוּגֶענֶען מִיט דֶער מַדְרֵיגָה בַּיי וֶועלְכֶער מֶען הַאלְט כַּנַ"ל.

## No Room for Despair

**6. The recounting of these journeys also teaches a lesson** relevant for a person **on the other** end of the spiritual spectrum. **Even when he finds himself in a very low state, a genuinely inferior level, he should never despair. Through Divine service, it is always possible for him to leave the state in which he finds himself and** advance higher, **reaching the very loftiest levels.**

**He should not think: "Since I find myself in such a low state** – and such a self-appraisal may well be true because **"a person knows himself"** – **all my efforts will be futile."** The Torah's recounting **of the journeys** shows that this is not true. **Even with merely one journey, a person can go out of** his **Egypt,** his present state of limitation, **and come**

ו. פוּן דֶער אַנְדֶער זַייט אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם עִנְיַן הַמַּסָעוֹת: אֲפִילוּ בְּשַׁעַת מֶען גֶעפִינְט זִיךְ בִּשְׁפַל הַמַּצָב בְּיוֹתֵר וּבְמַדְרֵיגָה פְּחוּתָה בְּיוֹתֵר, זָאל מֶען זִיךְ קֵיינְמָאל נִיט מְיָאֵשׁ זַיין, וָוארוּם דוּרְךְ עֲבוֹדָה קָאן מֶען אַלֶעמָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם מַצָב אִין וֶועלְכְן מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי סַאמֶע הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

מֶען זָאל נִיט טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ, וִוייבַּאלְד אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִין אַזַא נִידֶערִיקְן מַצָב, דְיָדַע אֱינָשׁ בְּנַפְשֵׁיהּ, אִיז אוּמְזִיסְט מַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע – אוֹיף דֶעם אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם עִנְיַן הַמַּסָעוֹת, אַז אֲפִילוּ מִיט אֵיין מַסָע אַלֵיין קָאן מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם אוּן קוּמֶען אִין אֶרֶץ טוֹבָה

---

24. ***Tehillim*** **139:16. See the** ***Tzemach Tzedek's*** **notes** to *Tehillim, Yahel Or,* **on that verse and the sources he cites.** The *Tzemach Tzedek* offers a nonliteral interpretation of the verse – that man's Divine service should be to draw down "one," G-d's transcendent oneness, in all of his "days."

25. See the *maamar* entitled *HaYosheves Baganim,* 5710, sec. 10.

**to "a good and spacious land" (relative to his current level and, from that** point, **continue** the process of growth **further and further, until** he reaches **the ultimate ascent).**

וּרְחָבָה (לְגַבֵּי זַיְין אִיצְטֶערְדִיקֶער מַדְרֵיגָה, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֵיין וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, בִּיז צוּם תַּכְלִית הָעִילוּי).

Compare the situations: **When the Jews were in Egypt, they had sunk to the 49th gate of impurity.**[26] **This was also before the Giving of the Torah, and thus, there was still a decree separating the** spiritual realms **from** this material world.[27] **Even so, through their journeys,** the Jews were able to **reach "a good and spacious land."**

אוּן מַה דָאךְ דֶעמָאלְט, וָואס דִי אִידְן זַיְיעֶנְדִיק אִין מִצְרַיִם זַיְינֶען גֶעוועֶן מְשׁוּקָע אִין מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה[יב], אוּן ס'אִיז אוֹיךְ גֶעוועֶן פַאר מַתַּן תּוֹרָה, וָואס דֶעמָאלְט אִיז נָאךְ גֶעוועֶן דִי גְזֵירָה אַז עֶס קָאן נִיט זַיְין דֶער חִיבּוּר פוּן רוֹמִי מִיט סוּרְיָא[יג], פוּנְדֶעסְטְוועֶגְן, אִיז דוּרְךְ דִי מַסָּעוֹת, זַיְינֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה,

**How much more so now! No matter how low one's level, there is far less work.** Now, **there remain no more than "small containers"**[28] to refine. Moreover, **the Giving of the Torah nullified** G-d's original **decree**[27] **and enabled a connection between the higher and lower realms.**

מִכָּל שֶׁכֵּן אִיצְטֶער, וָואס ווִי נִידֶערִיק מֶען זָאל נִיט זַיְין, אִיז דָאךְ דִי עֲבוֹדָה אַ סַךְ אַ קְלֶענֶערֶע, וָוארוּם עֶס זַיְינֶען גֶעבְּלִיבְּן מֶער נִיט ווִי פַּכִּים קְטַנִּים, וּבִפְרַט אַז מֶען הָאט אַ נְתִינַת כֹּחַ אוֹיף דֶעם פוּן מַתַּן תּוֹרָה שֶׁעָמַד וּבִטֵּל הַגְּזֵירָה, אַז עֶס קָאן זַיְין דֶער חִיבּוּר פוּן עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים, וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז פַאַראַן דֶער עִנְיַן הַהִתְקַשְּׁרוּת פוּן אַ רֶבִּי'ן מִיט חֲסִידִים, אַז דֶער רֶבִּי – כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר – פַאַרְבִּינְדט אַ אִידְן מִיט עַצְמוּת, אִיז דָאךְ אַ וַדַּאי אַז יֶעדֶער אִיד הָאט בְּכֹחַ צוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיְין מַעֲמָד וּמַצָּב, אוּן צוּקוּמֶען צוּ אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה, בִּיז צוּם יַרְדֵּן יְרֵיחוֹ, גִּילוּי הַמָּשִׁיחַ דְּמוֹרַח וְדָאִין[יד], וָואס דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית הַמֶּרְחָב.

In addition, we are empowered by **the connection of a Rebbe with his chassidim through which the Rebbe – my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz **– bonds a Jew with G-d's Essence.**[29] **As such, every Jew certainly has the power to leave his present position and state and reach "a good and spacious land,"** advancing **until** he reaches **"the Jordan [near] Jericho," the revelation of *Mashiach,*** who will **"judge by smell,"**[5] **that being the ultimate expansive state.**

## The Promise of Comfort

**7. The above concepts also enable us to un-**

ז. לוֹיט דֶעם וועֶט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין

---

**26.** ***Zohar Chadash,*** **the beginning of** ***Parshas Yisro; Tikkunei Zohar, tikkun*** **32;** ***Sefer HaMaamarim Yiddish,*** **p. 55.**

27. See ***Shmos Rabbah*** **12:3**, which relates that when G-d created the world, He placed a barrier between the spiritual and the material realms – metaphorically referred to by the Midrash as Syria and Rome – as implied by the verse (*Tehillim* 115:16), "The heavens are the heavens of G-d, and the earth He has granted to man." However, by giving the Torah, He nullified this original decree and enabled there to be a twofold interaction between the material and the spiritual – the material could ascend to the spiritual and the spiritual could descend to the material.

28. See *Toras Menachem,* Vol. 2, p. 181, *et al.,* where the Rebbe explains that there remain merely "small containers" of material substance to be refined before the completion of the mission of elevating the world's material substance.

29. See the *maamar* entitled *VeAtah Tetzaveh,* 5741, sec. 2, *et al.*

**derstand the connection between the Torah portions of *Mattos* and *Maasei*** **and** the period known as ***bein hameitzarim*** (literally, **"between the straits,"** the three weeks between the fasts of 17 Tammuz and *Tishah BeAv*). The connection is significant because **it has become established practice to always[30] read the Torah portions *Mattos* and *Maasei* during these three weeks.**

**This concept can be better understood by first explaining the concept of "destroying for the sake of building."** Within the context of the *Shabbos* laws, this idea means that though destroying a structure is one of the 39 forbidden labors, the prohibition applies only when **one destroys for the sake of the building.**[31] In other words, **after the destruction, one plans to build an even better structure.**

This relates to **the teaching of the Baal Shem Tov**[32] **on the verse,**[33] **"It is a time of distress for Yaakov, but *from it,* he will be saved" – that the time of distress itself will lead to salvation.** Here, we see **the integration of two opposite concepts**, distress and salvation.

**Therefore, the Torah portions *Mattos-Maasei* are read at that time, for *Mattos* embodies the concept of integration** of opposites, **as explained in the *maamar* delivered earlier,**[19] **while *Maasei*** reflects the Jews' continuous progress **going out of the straits** (***bein hametzarim***) to an expansive state. Together, the two Torah readings teach **that at whatever level a person is found, he should not be disconcerted. On the contrary,** he should realize that **from the distress itself comes salvation and** that even what appears as a setback is actually a preparatory stage enabling him to **reach "the Jordan [near] Jericho."**

**These concepts** are also reflected in the name **Menachem Av.** The word *menachem* **shares its root with the word *nechamah,* meaning "comfort,"** and *av* means

דִי שַׁיְיכוּת פוּן פַּרְשַׁת מַטּוֹת וּמַסְעֵי צוּ בֵּין הַמְּצָרִים, וָואס אַזוֹי אִיז דָאךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דִי קְבִיעוּת, אַז מַטּוֹת וּמַסְעֵי לֵייעֶנְט מֶען אַלֶע מָאל בֵּין הַמְּצָרִים.

וֶועט מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין דֶערְקְלֶערְנְדִיק דֶעם עִנְיָן פוּן סוֹתֵר עַל מְנָת לִבְנוֹת, אַז דִי כַּוָּנַת הַסְּתִירָה אִיז צוּלִיב דֶעם בִּנְיָן, אַז נָאךְ דֶער סְתִירָה זָאל מֶען מַאכְן נָאךְ אַ בֶּעסֶערְן בִּנְיָן, ווִי דֶער מַאֲמָר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיפְן פָּסוּק[טו] וְעֵת צָרָה הִיא לְיַעֲקֹב וּמִמֶּנָּה יִוָּשֵׁעַ, אַז דוּרְךְ דֶער עֵת צָרָה גוּפָא, קוּמְט מֶען צוּ צוּ אַ יְשׁוּעָה, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַן עִנְיָן פוּן הִתְכַּלְלוּת פוּן צְוֵויי עִנְיָנִים הֲפְכִיִּים. דֶערְפַאר לֵייעֶנְט מֶען דֶעמָאלְט פַּרְשַׁת מַטּוֹת־וּמַסְעֵי, וָואס מַטּוֹת אִיז דֶער עִנְיָן פוּן הִתְכַּלְלוּת, ווִי דֶערְקְלֶערְט אִין מַאֲמָר וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט פְרִיעֶר, אוּן דֶער עִנְיָן פוּן מַסְעֵי אִיז דָאךְ – אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, אוּן אַז אִין יֶעדֶער מַדְרֵיגָה אִין וֶועלְכֶער מֶען שְׁטֵייט, דַארְף מֶען נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן, אוּן אַדְּרַבָּה פוּן דֶער צָרָה גוּפָא אִיז יִוָּשֵׁעַ, אַז מֶען וֶועט צוּקוּמֶען צוּ יַרְדֵּן יְרֵיחוֹ.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן מְנַחֵם אָב, אַ לָשׁוֹן פוּן

---

30. The Rebbe appears to be highlighting the distinction between the *Parshiyos Mattos* and *Maasei* which are always read in the three weeks between the 17th of Tammuz and the 9th of Av, and *Parshas Pinchas* which, at times, is read in this period and at times is not.

31. See *Rambam, Hilchos Shabbos* 10:15; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 278:2.

32. Cited in ***Sefer HaMaamarim Yiddish,*** **p. 55.**

33. ***Yirmeyahu*** **30:7.**

"father." Contemplating the message of the two names leads to the realization that, **indeed, everything is for the good.**

**As reflected in the analogy of a father who strikes his child,** the father **seeks the child's benefit. When one contemplates this, he sees how, indeed, this is good. Not only can one see this with the eyes of** his **mind, but** accepting G-d's acts as good **draws down** the revelation that what G-d does is good to the extent **that this can be seen with eyes of flesh.** The transformation of what appeared bad to **visible and revealed good will become manifest** as it did for the Sages[34] who – not only taught but also – **lived by** the maxims, **"This too is for the good,"[35] and "Everything that the Merciful One does is for the good."[36]**

**True, it is** sometimes **necessary that "G-d will wash the filth of the daughters of Zion."[37] In *Tanya,*[38]** the Alter Rebbe **explains** this verse with **the parable of a great and awesome king who himself washes the filth of his only son. Nevertheless,** although this may be painful for the child, the father's actions are characterized by **kindness and mercy. Not only is** the father's intent **for the good, but** even when the child experiences suffering, **the father acts with** as much **kindness and mercy** as possible. Thus, the Alter Rebbe[38] **describes** him as **"his father, who is merciful, righteous, and pious,"** emphasizing **that** his **kindness and mercy** are present even **when** the child **suffers. What is most important is that, ultimately,** the suffering will **be manifest as visible and revealed good, so that the distress itself will become light.[39]**

נֶחָמָה. וואָרום בֶּאֱמֶת אִיז דָאךְ אַלְץ לְטוֹבָה, ווִי דֶער מָשָׁל פוּן אַ פָּאטֶער ווֶעלְכֶער שְׁלָאגְט זַיְין קִינְד, וואָס עֶר אִיז אוֹיסְן זַיְין טוֹבָה. אוּן בְּשַׁעַת מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דֶעם, זֶעט מֶען ווִי בֶּאֱמֶת אִיז דָאס טוֹב, אוּן נִיט נָאר וואָס מֶען זֶעט עֶס בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל, נָאר דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶס אַרָאפּ אוֹיךְ אַז מֶען זֶעט דָאס מִיט דִי פְלֵיישִׁיקֶע אוֹיג – אַז עֶס ווֶערְט טוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה, עַל דֶּרֶךְ ווִי בַּיי דִי וואָס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶער דַּרְגָּא פוּן גַּם זוּ לְטוֹבָה[טז], כָּל מַה דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד[יז] – אִיז דָאס אַלְץ גֶעווָארְן בְּפוֹעֵל. עֶס דַארְף טַאקֶע זַיְין דֶער וְרָחַץ ה' אֵת צוֹאַת בְּנוֹת צִיּוֹן[יח], אוּן ווִי עֶר זָאגְט אִין תַּנְיָא[יט] דֶעם מָשָׁל פוּן אַ מֶלֶךְ גָּדוֹל וְנוֹרָא הָרוֹחֵץ בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ צוֹאַת בְּנוֹ יְחִידוֹ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאס בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים (דָאס הֵייסְט אַז לְבַד זֹאת, וואָס דָאס גוּפָא אִיז לְטוֹבָה, זַיְינֶען אוֹיךְ דִי יִסוּרִים גוּפָא בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים), ווִי עֶר זָאגְט דָארְטְן דֶעם לָשׁוֹן: אָבִיו הָרַחֲמָן וְהַצַּדִּיק וְחָסִיד, אַז דִי יִסוּרִים זַיְינֶען בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אוּן דֶער עִיקָר אִיז, אַז סוֹף כָּל סוֹף קוּמְט עֶס אַרָאפּ אִין טוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה, אַז פוּן דֶער צָרָה אַלֵיין ווֶערְט צֹהַר.

34. The Rebbe is referring to Nachum Ish Gamzu and Rabbi Akiva respectively. Note the stories associated with these Sages and the explanation of these two concepts and the differences between them in *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 393ff.

35. ***Taanis* 21a; *Sanhedrin* 108b.**

36. ***Berachos* 60b; *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 230:5.**

37. ***Yeshayahu* 4:4.**

38. ***Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 22.**

39. The Rebbe is referring to the teaching of the Baal Shem Tov cited above which notes that צרה, "distress," is spelled using the same letters as צהר, "light." The fact that these two words employ the same letters implies that the distress itself will be transformed and become a source of light.

## Never Stop, Never Despair

**To summarize this *sichah:* It is written,**[1] **"These are the journeys of the Children of Israel who went out of the land of Egypt." The plural word "journeys" (*ma-sa'ei*)** implies that there were many journeys through which the Jews went out from Egypt. **This** raises **a well-known question:** Why? **The Jews' departure from Egypt involved no more than one journey – the journey from Rameses to Sukkos. (The other journeys took place only after the Jews had already left Egypt.) Why then** does the verse use **"journeys" in the plural form?**

**The concept that 42 journeys** were required between **the Jews' leaving Egypt and their entry into *Eretz Yisrael,* "a good and spacious land," also requires explanation:** Why does the Torah speak of many journeys? **Immediately with the first journey,** when **they had left Egypt** (*Mitzrayim*) – a state of **constraint** (***meitzarim***) **and limitation – they** already **experienced a boundless state. By leaving a state of limitation, one automatically finds oneself in an expansive state.** Why then are 42 journeys highlighted?

**The concept can be explained** as follows: **The Torah is eternal,** providing guidance **in every generation, for every man and woman.** Everyone must feel **the need to** experience a personal **exodus from Egypt,** to leave a place associated with **constraints** (***meitzarim***) **and boundaries,** and journey **to "a good and spacious land," going from a state of constriction to a boundless state.**

**But this, in itself, is not sufficient. One must know that in relation to the loftier level** that he can still reach, **the level at which he finds himself – which according to his present state already reflects an exodus from** his previous **Egypt and "a good and spacious land" – is a state of constraint and limitation. Therefore, he must undertake another journey, leaving this level and ascending to a loftier one. The same pattern applies regarding** his **third journey,** his **fourth, etc.**

**This concept leads to practical instruction with a twofold implication:**

תֹּכֶן מֵהַשִּׂיחָה הַנַּ"ל:

כְּתִיב אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, וְיָדוּעַ הַדִּיּוּק בְּמַה שֶּׁנֶּאֱמַר מַסְעֵי לְשׁוֹן רַבִּים, וַהֲרֵי הַמַּסָּע שֶׁיָּצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם הוּא מַסָּע אֶחָד בִּלְבָד, הַמַּסָּע מֵרַעְמְסֵס לְסֻכּוֹת, (כִּי שְׁאָרֵי הַמַּסָּעוֹת הָיוּ כְּבָר אַחֲרֵי הַיְצִיאָה מִמִּצְרַיִם) וּמַהוּ מַסְעֵי לְשׁוֹן רַבִּים? גַּם אֵינוֹ מוּבָן עִנְיַן הַמ"ב מַסָּעוֹת שֶׁהָיוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד שֶׁבָּאוּ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה, דְּמֵאַחַר שֶׁבְּמַסָּע אֶחָד בִּלְבָד יָצְאוּ מִמִּצְרַיִם, לְשׁוֹן מְצָרִים וּגְבוּלִים, הֲרֵי מִיָּד בָּאוּ לְמֶרְחָב, עַל יְדֵי הַיְצִיאָה מֵהַמֵּיצָר נִמְצָאִים בְּמֵילָא בִּמְקוֹם הַמֶּרְחָב –

אַךְ הָעִנְיָן הוּא, שֶׁהַתּוֹרָה הִיא נִצְחִית, וּבְכָל דּוֹר וָדוֹר, אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאַחַת, צָרִיךְ לִהְיוֹת הַיְצִיאָה מִמִּצְרַיִם, לְשׁוֹן מְצָרִים וּגְבוּלִים, אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה, – הַיְצִיאָה מִן הַמֵּיצָר אֶל הַמֶּרְחָב. אָמְנָם גַּם כַּאֲשֶׁר פָּעַל בַּעֲבוֹדָתוֹ הַיְצִיאָה מִמִּצְרַיִם, צָרִיךְ לֵידַע, שֶׁאֵין זֶה מַסְפִּיק עֲדַיִן, כִּי לְגַבֵּי מַדְרֵגָה נַעֲלֵית יוֹתֵר, הִנֵּה הַמַּדְרֵגָה שֶׁנִּמְצָא בָּהּ עַכְשָׁו, שֶׁלְּפִי מַצָּבוֹ הִיא בִּבְחִינַת יְצִיאַת מִצְרַיִם, וְאֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה, הֲרֵי לְגַבֵּי הַמַּדְרֵגָה הַנַּעֲלֵית הִיא בִּבְחִינַת מְצָרִים וּגְבוּלִים, וְלָזֹאת צָרִיךְ לִהְיוֹת עוֹד מַסָּע, לְהַסִּיעַ אֶת עַצְמוֹ גַּם מִבְּחִינָה זוֹ, וְלַעֲלוֹת בְּמַעֲלָה עֶלְיוֹנָה יוֹתֵר, וּכְמוֹ כֵן הוּא מַסָּע הַג', הַד', וְכוּ'.

הַהוֹרָאָה מִזֶּה בַּעֲבוֹדָה בְּפֹעַל, הִיא בִּשְׁתַּיִם:

a) **Even when one finds himself at a very elevated level, he must always** seek to **ascend even higher. He should not say, "It's enough; my previous service suffices for me." Man's mission –** which defines **his characteristic quality – is to be one who progresses and not one who stands still. With every single day that G-d gives him, he must fulfill his mission in the world, as implied by the verse,[24] "Days were created, and for him, one in them."**

b) **Even when the person finds himself at a very low level, he need not despair.** He should realize that, **through his Divine service, he can always ascend to a loftier level. He should not say, "Since I find myself in such a lowly state, all my efforts are in vain."**

**This is the lesson to derive from the Torah's recounting of the** Jews' **journeys – that with even one journey alone it is possible for a person to depart Egypt,** a state of limitation **and reach "a good and spacious land" (i.e., according to his present level and, on this basis, to ascend afterwards to an even higher level).**

We can take a lesson from **the Jews'** exodus from Egypt. **At that time, they had sunk to the 49th gate of impurity and the Torah had not yet been given. Nevertheless, their journeys enabled them to immediately reach "a good and spacious land"** in a relative state, and ultimately, to attain a completely expansive state. **How much more so** does each Jew **presently** have the potential to start such a process of ascent!

**א) גַּם כַּאֲשֶׁר נִמְצָאִים בְּמַדְרֵגָה נַעֲלֵית בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ תָּמִיד לְהִתְעַלּוֹת עוֹד יוֹתֵר. וְאַל יֹאמַר הָאָדָם דַּי וּמַסְפִּיק לִי בַּעֲבוֹדָתִי הַקּוֹדֶמֶת – כִּי הָאָדָם תַּפְקִידוֹ וְעִנְיָנוֹ הוּא לִהְיוֹת מְהַלֵּךְ וְלֹא עוֹמֵד, וּבְכָל יוֹם וָיוֹם שֶׁנָּתַן לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, צָרִיךְ לְמַלֹּאת אֶת תַּפְקִידוֹ בָּעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם.**

**ב) גַּם כַּאֲשֶׁר נִמְצָאִים בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה בְּיוֹתֵר, אֵין צָרִיךְ לְהִתְיָאֵשׁ, כִּי עַל יְדֵי עֲבוֹדָה, אֶפְשָׁר תָּמִיד לְהִתְעַלּוֹת בְּמַעֲלָה עֶלְיוֹנָה יוֹתֵר. וְאַל יֹאמַר הָאָדָם, מֵאַחַר שֶׁאֲנִי נִמְצָא בְּמַצָּב שָׁפָל כָּזֶה, לַשָּׁוְא כָּל עֲמָלִי – עַל זֶה הוּא הַלִּמּוּד מֵעִנְיַן הַמַּסָּעוֹת, שֶׁגַּם בְּמַסָּע אֶחָד בִּלְבָד אֶפְשָׁר מִיָּד לָצֵאת מִמִּצְרַיִם, וּלְהַגִּיעַ אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה (שֶׁלְּפִי מַדְרֵגָתוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה, לְהִתְעַלּוֹת אַחַר כַּךְ גַּם לְמַעֲלָה עֶלְיוֹנָה יוֹתֵר). וּמָה אָז שֶׁיִּשְׂרָאֵל הָיוּ מְשֻׁקָּעִים בְּמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה בְּמִצְרַיִם, וְהָיָה קוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה, מִכָּל מָקוֹם עַל יְדֵי הַמַּסָּעוֹת בָּאוּ מִיָּד אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה, עַכְשָׁו עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה.**

(משיחת ש"פ מטו"מ, תשט"ו)

---

א) סנהדרין צג, ב. לקוטי תורה במדבר פח, ג.

ב) פסחים פרק עשירי משנה ה. תניא פרק מז.

ג) אגרת התשובה פרק י. תורה אור א, ג. ספר המאמרים ה'תש"ח עמוד 80.

ד) זהר חלק א רסו, ב. חלק ג שו ב. תיקוני זהר תיקון מה.

ה) ברכות טו, א. שלחן ערוך אדמו"ר הזקן מהדו"ק סימן ב סעיף ח.

ו) ועל דרך מ"ש הרמב"ם בהל' מקואות פרק יא הלכה יב. במדבר רבה אנפאנג פרשת חוקת. און זע לקוטי תורה ויקרא כט, א: חוקה חקקתי גזירה גזרתי, והיינו שבענין הטומאה איז גארנישטא קיין פסולת וואס מען זאל קענען אנזען, עס איז מער ניט ווי אן ענין פון חוקה חקקתי כו'.

ז) ספר המאמרים ה'תש"ח עמוד 08.

ח) תהלים נא, יז. אלשיך דארט. לקוטי תורה שיר השירים ב, ג. ספר המאמרים תרכ"ז עמוד תלו.

ט) זע ספר השיחות קיץ ה'ש"ת ע' 83.

י) שמות כג, ה. זע היום יום כח שבט.

יא) תהלים קלט, טז. רשימות הצמח צדק דאָרט. ושם נסמן.

יב) זהר חדש אנפאנג פרשת יתרו. תיקוני זהר תיקון לב.

יג) שמות רבה פרשה יב, ג.

יד) זע הערה 1.

טו) ירמי' ל, ז. ספר המאמרים אידיש עמוד 55.

טז) תענית כא, א. סנהדרין קח, סע"ב.

יז) ברכות ס, ב. שו"ע או"ח סימן רל סעיף ה.

יח) ישעי' ד, ד.

יט) אגרת הקדש סימן כב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie